פרשת בשלח תש"פ

שנה ה' - גליון רכ"ב

# גליון עוללות הכרם

א אוצר פון דברי תורה און דערציילונגען פון צדיקים

מכון כרם בית שמואל אלכסנדר

יו"ל בס"ד ע"י
מכון כרם בית שמואל
שע"י חסידי אלכסנדר
בנשיאות כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א

## מכרם רבותינו

פון אונזער הייליגער ווייגאָרטען

### וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָעָם אַל תִּירָאוּ

### די דריי סארטן אידן

**דער אלטער רבי מרן רבינו יחיאל זי"ע** (יארצייט י"ד שבט) האט נאכגעזאגט בשם **הרה"ק דער רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע** אז צווישן די אידן בשעת קריעת ים סוף זענען דעמאלטס געווען דריי גרופעס, איין גרופע האט זייער שטארק מורא געהאט און זיי האבן געציטערט ווען זיי האבן געזעהן ווי די מצריים לויפן זיי נאך, די צווייטע גרופע האבן געשריגן צום אייבישטער מיט א צובראכן הארץ, און די דריטע גרופע זיי זענען געווען די עֵרֶב רַב וועלכע האבן געשריגן אז זיי ווילן צוריקגיין קיין מצרים.

און קעגן די דריי כיתות איז געווען די ענטפער פון משה רבינו, פאר יעדעם איינעם לויט זיין מדריגה: פאר די ערשטע גרופע וואס האט בלויז געהאט פחד און שרעק, אויף זיי שטייט וַיֹּאמֶר מֹשֶׁה אֶל הָעָם "אַל תִּירָאוּ" האט נישט קיין מורא פון די מצריים. פאר די צווייטע גרופע וואס האבן גערעדט צום אייבישטער האט משה רבינו געזאגט "הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה'" שטעלט זיך אוועק און זעהט די ישועה פונעם אייבישטער וואס ער וועט טוהן פאר אייך, און דאס איז מרמז אויף זייער כוח פון תפלה, ווי חז"ל דרש'ענען אז 'נִצָּב' איז א לשון פון תפלה, און דעריבער שטייט דא 'הִתְיַצְּבוּ', אז דורך אייער תפלה וועט קומען די ישועת ה'. און פאר די ערב רב פאר זיי האט משה רבינו געהייסן "וְאַתֶּם תַּחֲרִישׁוּן" עטס זאלטס אינגאנצן שווייגן און זיין שטיל.

(ספה"ק תפארת שמואל אות י"א)

### הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה'

### השי"ת אליין איז ענקער שַׂר

לכאורה איז שווער צו פארשטיין וואס האבן די אידן אזוי מורא געהאט שטייענדיג ביים ים סוף, נאכדעם וואס זיי האבן שוין געזען אזויפיל מאל ווי דער אייבישטער האט געשטראָפט די מצריים מיט אלע מכות אין מצרים, און זיי האבן קלאר געוואוסט אז השי"ת איז שטערקער פון פרעה און די מצריים, און פארוואס האבן זיי דא באקומען אזא פחד ווען זיי האבן געזעהן אז די מצריים לויפן זיי נאך, דער אייבישטער וועט זיי דאך אודאי אויך דאָסמאָל העלפן.

**דער אלטער רבי מרן רבינו יחיאל זי"ע** (יארצייט י"ד שבט) ערקלערט אז די עיקר פחד פון די אידן איז געווען ווען זיי האבן געזען דער מלאך דער שַׂר פון מצרים קומט נאך זיי (אזיווי **רש"י** ברענגט בשם דער **מדרש תנחומא**) און פון א 'מלאך' האבן זיי שטארק מורא געהאט. אבער אויף דעם האט זיי משה רבינו בארואיגט און געזאגט, אדרבה דאס אליין איז א סיבה אז איר דארפט נישט מורא האבן פון די מצריים, וויבאלד זייער שַׂר איז נאר א מלאך און נישט מער פון דעם, אבער ענקער שַׂר, דער שַׂר פון כלל ישראל דאס איז דאָך דער באשעפער אליין, און וואס דער אייבישטער קען טוהן דאס קען קיינער נישט, און ווען דער אייבישטער העלפט דעמאלטס איז מען א געהאלפענער ווייל דער אייבישטער בלייבט אויף אייביג און ער איז שטענדיג דא מיט אונז. און דאס האט ער זיי געזאגט "הִתְיַצְּבוּ וּרְאוּ אֶת יְשׁוּעַת ה'" זעהטס די ישועה פון השי"ת וואס ער אליין וועט ענק העלפן, ווי אויך "ה' יִלָּחֵם לָכֶם" דער אייבישטער האלט מלחמה פאר אייך, און ממילא דארף מען נישט מורא האבן אפילו פון א מלאך.

(ספה"ק ישמח ישראל אות א')

### הוּא הַלֶּחֶם אֲשֶׁר נָתַן ה' לָכֶם

### די כוח פון אחדות

מרן דער **ישמח ישראל זי"ע** טייטשט בדרך רמז, אז ווען די אידן האבן זוכה געווען צו באקומען מָן פון הימל, האבן זיי זיך געוואונדערט מיט זייער עניוות און געפרעגט, אין וועלכע זכות האבן מיר זוכה געווען צו די הייליגע מן וואס דאס איז א רוחניות'דיגע מאכל פון הימל און ווערט אנגערופען 'לֶחֶם אַבִּירִים' ברויט פון די מלאכים, מיר זענען דאָך נישט ווערד דערצו. ווי עס איז מרומז אין פסוק "וַיֹּאמְרוּ אִישׁ אֶל אָחִיו מָן הוּא" זיי האבן געפרעגט אין וועלכע זכות איז דאס "כִּי לֹא יָדְעוּ מַה הוּא" ווייל זיי האבן נישט געוואוסט פארוואס זיי האבן זוכה געווען צו דעם. און אויף דעם איז געווען די תשובה פון משה רבינו צו זיי "הוּא הַלֶּחֶם אֲשֶׁר נָתַן ה' לָכֶם לְאָכְלָה" ווען אידן האלטן זיך צוזאמען באחדות, איר זענט 'לָכֶם' גאנץ כלל ישראל אינאיינעם צוזאמגעבינדן דאן זענט איר ווערד דערצו, וויבאלד כלל ישראל צוזאמען איז אייביג גוט, נאר ווען מ'קוקט אויף איינציגע מענטשן באזונדער קען מען טרעפן חסרונות, אבער ווען איר זענט 'לכם - אלע אינאיינעם' דעמאלטס זעהט מען נישט קיין חסרון, נאר איר זענט אלע צדיקים.

(ספה"ק ישמח ישראל אות ג')




### וואס דער בוים לערנט אונז

אין ספר **שבט מיהודה** פון **הרה"ק רבי אברהם איגר פון לובלין זי"ע**, ברענגט ער בשם זיין פאטער **הרה"ק רבי לייב'לע איגר זי"ע**, אז חמשה עשר בשבט איז געווי פינף און פערציג טעג איידער דעם יום טוב פסח און דער זמן פון יציאת מצרים, וואס דעמאלטס ווערן די אידן דערהויבן און אויסגעלייזט יעדן יאר פון דאסניי, און עס ווערט נתעורר נאָכאַמאָל די כוח פון יציאת מצרים. דער מספר פון פינף און פערציג טעג געפונען מיר אין הלכה ביי א בוים אז אויב זי ווערט געפלאַנצט פינף און פערציג טעג איידער ראש השנה דאן ווערט דאס גערעכנט כאילו ס'איז שוין איין יאר אלט (זעה אין די **מפרשי המשנה** אנהייב מסכת ראש השנה לגבי די דינים פון ערלה וכדומה. וויבאלד עס געדויערט צוויי וואכן פאר א בוים צו ווערן איינגעוואָרצלט אין די ערד, און נאך דרייסיג טעג כדי ס'זאל ווערן גערעכנט ווי א יאר, וויבאלד מ'זאגט ביי דעם דער כלל פון "שלשים יום בשנה חשוב שנה"). על כל פנים זעען מיר פון דעם אז דאס ווערט גערעכנט פאר א חשוב'ע זמן ביי א בוים ווען ס'איז פינף און פערציג טעג אלט. און דאס איז דער רמז וואס ס'קומט פאָר מיט די ביימער אום חמשה עשר בשבט, ווי חז"ל זאגן אונז אז עס גייט אריין די 'שְׂרַף' אין די ביימער (א מין זאַפט און פייכטקייט וואס מאכט די פירות זאלן וואקסן שפעטער אין די זוממער טעג) ווייל יעצט איז טאקע די טעג פון הכנה צו פסח, און טראצדעם וואס דער בוים זעהט אויס אין די ווינטער טעג כאילו ס'איז אינגאנצן טרוקן און חרוב, דאָך אבער אינעווייניג הייבט זיך שוין אָן צו ווירבלן און גרייטן די פרישקייט וואס וועט ארויסקומען און נתגלה ווערן פינף און פערציג טעג שפעטער אום פסח.

לייגט צו דערצו דער שבט מיהודה פון לובלין, אז אט די גאנצע זאך איז א געוואלדיגע חיזוק און א מוסר השכל פאר א איד, ווייל כאטש דער בוים זעהט דאָך טאקע אויס אינגאנצן לײדיג און פארטרוקנט, אבער חכמינו ז"ל מיט זייער רוח הקודש האבן געוואוסט אז ערגעץ טיף אינעווייניג קומט שוין אריין דער פרישקייט אפילו מיר זעען עס נישט. און נאך מער, די שְׂרַף ווערט נישט באשאפן אינעם בוים אלס א "יֵשׁ מֵאַיִן" ווי א נס חוץ לדרך הטבע, נאר עס קומט ארויס פונעם בוים זעלבסט, וואס קומט אונז לערנען אז אפילו א איד וואס דאַכט זיך איהם אז ער איז שוין אינגאנצן טרוקן און חרוב ח"ו, זאל ער וויסן אז ער האט נאך א נקודה פנימית און א לחלוחית פון קדושה אין זיין נשמה, און ער קען נאך ווערן באנייט און זוכה זיין צו יציאת מצרים, ארוסצוקריכן פון זיין מצב.

און דערפאר קומט טאקע חמשה עשר בשבט אינמיטן די טעג פון שובבי"ם וואס זענען מסוגל צו תשובה און התקרבות צום אייבישטער, און לערנט אונז אז טיף אינעווייניג אין אונז ליגט דער כוח באהאלטן און מיר זענען קיינמאל נישט אינגאנצן פארטרוקנט ח"ו.

# פירותיך מתוקים

**דברי תורה אויף פרשת השבוע און ענינא דיומא**

## נְבֻכִים הֵם בָּאָרֶץ

**הרה"ק רבי משה פון קאברין זי"ע** טייטשט בדרך רמז, "נְבֻכִים הֵם בָּאָרֶץ" ווען א מענטש בלאָנזשעט אין רוחניות, און ער איז צו שטארק דָבוּק צו גשמיות און ארציות, דעמאלטס "סָגַר עֲלֵיהֶם הַמִּדְבָּר" זייער כוח הדיבור ווערט פאַרשלאָסן און מ'קען נישט רעדן קיין דיבורים פון תורה און תפלה.

(תורת אבות)

## וְלֹא קָרַב זֶה אֶל זֶה כָּל הַלָּיְלָה

ווען אידן דערווייטערן זיך ח"ו איינעם פונעם אנדערן, עס איז א מצב פון "וְלֹא קָרַב זֶה אֶל זֶה" צוליב שנאת חינם און פירוד לבבות, "כָּל הַלָּיְלָה" דאס איז די סיבה פארוואס מען געפונט זיך אינעם פיסטערן גלות וואס ווערט אנגערופן לילה.

(אור פני משה)

## אָז יָשִׁיר מֹשֶׁה וּבְנֵי יִשְׂרָאֵל

מ'האט אמאל געפרעגט דעם **מאדזשיצער רבי כ"ק אדמו"ר רבי שאול ידידיה זצוקללה"ה**, וויאזוי 'מאַכט' מען א ניגון און וויאזוי ווערט דער ניגון באשאפן. האט דער מאדזשיצער רבי געענטפערט אז א ניגון קען מען נישט 'מאַכן' פון נאָטן און טענער, א אמת'ע ניגון קען נאר ווערן ווען דער הארץ ווערט איבערגעפילט מיט רגש ביז אויבן און עס רינט איבער, דאס הייסט א ניגון. ווי **רש"י** זאגט ביי די שירה "אז ישיר - עלה בלבו שישיר", פון דאס וואס עס איז ארויגפעגאנגען אין זיין הארץ ביז אויבן, און עס איז איבערגערינען.

(ישא ברכה)

## וַיַּאֲמִינוּ בַּה' וּבְמֹשֶׁה עַבְדּוֹ

אין די תקופה ווען **דער אלטער רבי מרן רבינו יחיאל זי"ע** (יארצייט י"ד שבט) איז געווארן אויפגענומען אלס רב אין פילץ האט געוואוינט דארט א נגיד'ישער בעל הבית מיטן נאמען ר' וואלוויש, וועלכער איז אין אנהייב נישט געווען פון די אנהענגער'ס פונעם נייעם רב און ער האט זיך נישט מכניע געווען פארן אלטער רבי זי"ע (זעה אין הילולא דצדיקיא אפטיילונג).

ר' וואלוויש האט געפירט א גרויסע געשעפט, און ער האט פארמאגט א פאבריק אינדרויסן פון שטאט, און די הצלחה האט איהם גוט געשיינט, אפילו די רעגירונג האט באשטעלט ביי איהם סחורה פאר די מיליטער און דאס גלייכן, פון וואס ער האט גאר שיין פארדינט. ר' וואלוויש האט אמאָל גענומען אלס שותף אין א געוויסע גרויסע באשטעלונג וואס ער האט געדארפט צושטעלן פאר די רעגירונג א גוי א 'פּאָלקאָווניק' (א שַׂר וואס איז געווען איינגעשטעלט ביי די רעגירונג), און אינאיינעם האבן זיי אנגעגרייט און צוגעשטעלט די פארלאנגטע סחורה. פארשטייט זיך אז די תאווה צו מאכן גרויס געלט האט זיך ביי זיי געשטארקט, און דעריבער האבן זיי זיך נישט געפירט אינגאנצן ערליך, און זיי האבן מיט פארשידענע זאכן אָפּגענאַרט די רעגירונג כדי צו פארדינען נאך געלט. פלוצלינג קומט איין טאג זיין שותף דער 'פּאָלקאָווניק' צו לויפן מיט א בהלה און ער דערציילט פאר ר' וואלוויש אז ער האט נארוואס באקומען א טעלעגראם פון די 'הויכע פענסטער' אין די רעגירונג אז מארגן וועט קומען צו גיין א גרויסע שַׂר א שליח פון די רעגירונג און ער וועט פערזענליך אדורכקוקן די ביכער און דער געשעפט אויב אלעס שטימט ווי זיי האבן פארלאנגט. און די רעגירונג בעאמטע האבן שוין פון פאָראויס אראפגעשיקט א שליח זאל גיין אינעם פאבריק און צושפארן אלע ביכער מיט א זיגל אז מ'זאל זיי מער נישט קענען עפענען און טוישן די זאכן וואס שטייען דארט געשריבן... ווארשיינליך האבן זיי 'געשמעקט' אז עפעס טויג נישט דארטן הונדערט פראצענט, און דעריבער האבן זיי געוואלט אליינס אונטערזוכן די ביכער און די סחורה. פארשטייט זיך אז דאס איז געווען גאר שלעכטע נייעס פאר זיי, און ר' וואלוויש איז שטארק דערציטערט געווארן וויסענדיג וואס עס קען איהם ח"ו אפווארטן אלס א שטראף פאר זיינע מעשים.

נישט האבענדיג קיין אנדערע ברירה האט ר' וואלוויש זיך בארעכנט אז אפשר וואלט כדי געווען צו גיין צום רב און איהם דערציילן פון די גרויסע צרה וואס האט איהם באפאלן. אומר ועושה, ר' וואלוויש האט געוואָנדן זיינע טריט צום רב, און ער איז אנגעקומען צום אלטער רבי בשעת ער האט געהאלטן אינמיטן פאָרלערנען א שיעור פאר זיינע תלמידים. ווי נאר דער אלטער רבי האט געזען ר' וואלוויש שטיין דארט מיט א טרויערדיגן געזיכט, האט ער שוין אלעס פארשטאנען. דער אלטער רבי האט איבערגעהאקט דעם שיעור און ר' וואלוויש האט איהם דערציילט פון זיין שווערע מצב אין וואס ער געפונט זיך. דער אלטער רבי האט זיך שטארק פארטראכט און שפאצירט אינעם צימער אהין און אהער מיט גרויס דביקות, ביז ער שטעלט זיך אפ און ער זאגט פאר ר' וואלוויש "גיי אהיים רואיג, דאווען מעריב, זאלסט עסן און שלאפן געהעריג, און דער אייבישטער וועט דיר העלפן עס וועט גארנישט זיין"... ר' וואלוויש נאכ'ן הערן די הבטחה פונעם רב האט ער זיך שטארק בארואיגט, און נישט האבנדיג קיין אנדערע עצה האט ער געפאלגט די ווערטער פונעם צדיק מיט גרויס האפענונג און בטחון.

צומארגענס אינדערפרי איז דער שַׂר געקומען צו פאָרן, און אין באגלייטונג פון ר' וואלוויש איז ער געגאנגען צום פאבריק אדורכצוקוקן די ביכער. די וועגן אינדרויסן פון שטאט זענען געווען נאס און פיל מיט בלאטע, ווען פלוצלינג האט זיך דער שַׂר אויסגעגליטשט אויף דער ערד און ער האט זיך צובראכן א פוס און געליטן גרויסע יסורים. תיכף האט מען גערופן פאר הילף און מען אוועקגעטראגן דעם שַׂר אויף א בעטל, און פאר ר' וואלוויש איז לעכטיג געווארן, די גאנצע אונטערזיכונג איז בטל געווארן, און אלעס איז געשטעלט געווארן אין פלאץ.

פארשטייט זיך אז פון דעמאלטס און ווייטער איז ר' וואלוויש געווארן פון די גרויסע חסידים פונעם אלטער רבי'ן זי"ע, און פלעגט אויך שפעטער פארן קיין **אלכסנדר** ווען דער אלטער רבי האט זיך אוועקגעצויגן פון פילץ קיין אלכסנדר.

(עשר זכיות)

**א נקודה...**

**הגה"ק רבי צדוק הכהן פון לובלין זי"ע שרייבט:**

פונקט ווי מ'דארף גלייבן אין השי"ת, אזוי אויך איז דא א חיוב אויף א איד צו גלייבן אין זיך אליין, אז ער איז חשוב ביי הקב"ה וועלכער וואַרט אויף זיין עבודה און שעפט א תענוג פון איהם.




### לחם משנה זכר למן

ווי מיר ווייסן האבן חכמינו ז"ל ארויסגעלערנט פונעם מָן וועלכע איז געפאלן פרייטאג דאָפלט לכבוד שבת, אז אזוי דארף מען שבת מאכן המוציא אויף לחם משנה אלס א זכר צו די מן. ווי די גמרא זאגט אין **מסכת שבת** (קי"ז:) אמר רבי אבא בשבת חייב אדם לבצוע על שתי ככרות דכתיב לחם משנה.

דער **טור** (או"ח סימן רע"א) ברענגט אז דאס איז אויך די סיבה פארוואס מיר זענען מקפיד צוצודעקן די חלות אויך אלס א זכר למן וואס איז געלעגן אזויווי אין א קאַסטן און ס'איז געווען ארומגענומען מיט טַל פון אויבן און פון אונטן, דאס זעלבע טוען מיר מיט די חלות אז זיי ליגן אויף א טישטוך און ווערן צוגעדעקט פון אויבן מיט א טישטוך.

### מָן איז געווען א מעלה אדער חסרון

דער **פרי מגדים** ברענגט בשם דער **אבודרהם** אז פרויען זענען אויך מחוייב מיט לחם משנה אום שבת, "שֶׁאַף הֵן היו באותו הנס" וויבאלד זיי האבן דאָך אויך זוכה געווען צו די מן וואס איז געפאלן פון הימל, און דעריבער דארפן זיי מאכן א זכר למן מיט לחם משנה, און אזוי ווערט געברענגט אין פילע פוסקים.

עס איז כדאי צו דערמאנען א דבר חידוש וואס שטייט אין **שו"ת האלף לך שלמה** (או"ח סימן קי"ד) פון **הגה"ק רבי שלמה קלוגער זי"ע**, אין א תשובה אויף א שאלה וואס איינער פרעגט איהם אָן אז די פרויען זענען למעשה נישט מקפיד אויף לחם משנה, זאגט אויף דעם רש"ק אז עס האט א מקור עפ"י תורה, וויבאלד **תוספות** זאגט אין מסכת חולין אז ווען די אידן זענען געווען אינעם מדבר האט מען געקענט איינפלאַנצן אין די ערד און ס'איז געוואקסן, און אויב אזוי וואלט דאָך השי"ת געקענט מאכן אז מ'זאל איינפלאנצן תבואה און ס'זאל וואקסן צו עסן פאר די אידן, פארוואס האט מען געדארפט צוקומען צו די געוואלדיגע נסים פונעם מן.

נאר דער ענין איז אז ס'איז געווען ווי א שטראף פאר כלל ישראל, וויבאלד די תורה הק' דערציילט אונז אין אונזער פרשה אז די אידן האבן זיך אפגערעדט אז זיי האבן נישט וואס צו עסן, און חז"ל זאגן אין **מסכת שבת** אז ווען דער אייבישטער איז מְשַׁנֶּה די טבע זייער שטארק און ער מאכט אן אויסערגעווענליכן נס פאר א מענטש איז דאס גאר א חסרון, ווייל פון הימל זוכט מען נישט צו מאכן קיין גרויסע נסים חוץ לדרך הטבע, און ווער עס איז ראוי דערצו, דער איז זוכה צו א 'נס בתוך הטבע' און ווערט געהאלפן אויף א נאטורליכן אופן (אזוי ערקלערט דער בעל העקדה דעם ענין).

קומט דאָך אויס פון דעם, אז ווען די אידן וואלטן באמת געווען ראוי דערצו, וואלט השי"ת געמאכט פאר זיי בלויז א קלענערן נס אז ס'זאל וואקסן תבואה פון די ערד, נאר דאס אז זיי האבן זיך אפגערעדט און געהאט טענות דאס האט גורם געווען אז מ'זאל פאר זיי טוישן די גאנצע טבע און ס'זאל פאלן מָן פון הימל. ממילא קען מען זאגן, אז די מענער וואס זיי האבן זיך טאקע אפגערעדט, זיי דארפן דאנקן השי"ת און מאכן א זכר לנס, ווייל סוף כל סוף די מָן האט זיי געראטעוועט און געהאלטן ביים לעבן. אבער די פרויען וואס זיי האבן זיך נישט באקלאגט, אזויווי ס'איז אויך געווען שפעטער ביים חטא העגל און ביי די מרגלים, קומט אויס אז פאר זיי איז די מָן בלויז געווען א 'חסרון' ווייל זיי וואלטן דאָך יא געקענט זוכה זיין צו א קלענערן נס אז ס'זאל וואַקסן תבואה פאר זיי, דעריבער דארפן זיי נישט געבן קיין שבח והודאה דעראויף און דארפן נישט מאכן קיין זכר דורך לחם משנה.




**דער אלטער רבי מרן רבינו יחיאל זי"ע** איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער **הגה"ק רבי שרגא פייביל פון גריצא זי"ע** אין יאר תקפ"ח. רבי שרגא פייביל איז געווען פון די נאנטע און געהויבענע תלמידים פונעם **רבי רבי בונם פון פרשיסחא זי"ע**, ווי אויך א פייערדיגע חסיד און תלמיד פונעם **אלטער רבי פון ווארקא הרה"ק רבי יצחק זי"ע** וועמען רבי שרגא פייביל האט אויך געדינט אלס זיין ממלא מקום און דער מנהיג העדה פאר די ווארקע חסידים פאר א קורצע תקופה ביז צו זיין פטירה אין יאר תר"ט.

פון קינדווייז אָן האט זיך דער קליינער יחיאל אויסגעצייכנט מיט זיין התמדה אין תורה און זיין גרויס יראת שמים, און עס האבן זיך אנגעזען אין איהם סימנים פון גרויסקייט און הייליגקייט.

זיין טאטע רבי שרגא פייביל פלעגט איהם מיטטראגן מיט זיך ווען ער איז געפארן צו זיין רבי'ן פון ווארקא. דער ווארקער רבי האט געזאגט פאר רבי שרגא פייביל אויף זיין זוהן "זֶה חֶלְקְךָ מִכָּל עֲמָלְךָ! דאס איז דיין חלק פון דיין מיה און פְּלאָג". און דער ווארקער רבי האט איהם געזאגט "לאָז איהם איבער ביי מיר, און איך וועל מאכן פון איהם א כלי". אזוי ארום האט דער אלטער רבי זוכה געווען צו גרויס התקרבות ביים אלטער רבי'ן פון ווארקא, און ער איז אויפגעצויגן געווארן ביי איהם ממש ווי אן אייגן קינד.

מרן דער **תפארת שמואל זי"ע** האט דערציילט, אז אין די תקופה וואס **דער אלטער רבי זי"ע** האט געדינט אלס רב אין שטאט **טארטשין**, האט שטענדיג געהערשט אין זיין שטוב גרויס דחקות און ארימקייט. די קהלה אין טארטשין איז געווען א אָרימע קהילה און זיי זענען נישט געווען ביכולת אויסצוהאלטן דעם רב מיט א ברייטע האנט, אזוי ארום אז דער אלטער רבי האט קוים געהאט אויף צום לעבן.

האט פאסירט אמאל אז דער אלטער רבי זי"ע האט געוואלט קויפן טאביק ארייננצולייגן אין זיין לולקע צום רייכערן, אבער ער האט נישט געפונען קיין איין איינציגע פרוטה אין זיין טאש צו קענען קויפן די טאביק. דער אלטער רבי האט ער זיך געוואנדן צו זיינע קינדער אין שטוב - צו מיין ברודער דער **ישמח ישראל** און צו מיר, און אונז געפרעגט אפשר האבן מיר עפעס קליין געלט ביי זיך צו קענען קויפן טאביק, אבער אויך מיר האבן גארנישט פאַרמאָגט און מיר האבן איהם נישט געקענט העלפן מיט געלט. מיר זענען געווען טרויעריג אז אונזער גרויסער טאטע דארף געלט און האט נישט, און האבן זיך זייער געערגערט אויף זיין מצב, אבער דער טאטע האט אונז בארואיגט און געזאגט "זאָרגט אייך נישט, דער אייבישטער וועט מיר נישט פאַרלאָזן און איך בין פארזיכערט אז ער וועט מיר צושטעלן מיין געברויך".

דער תפארת שמואל האט דערציילט ווייטער: ווען מיר האבן געזען דעם טאטע'נס גרויסע בטחון אינעם באשעפער, האבן מיר שטארק געוואלט זעהן וויאזוי די זאך גייט זיך דא פירן פון הימל, און מיר האבן נישט געקענט איינשלאפן פון גרויס אינטרעסע צו וויסן וואס עס גייט דא פאַסירן. פלוצלינג האט זיך געהערט פון אינדרויסן א רעש, און א וואָגן האט זיך אפגעשטעלט פאָרנט פון זייער הויז, און עס זענען ארויסגעקומען עטליכע חשוב'ע מענטשן וואס זענען אריינגעקומען אינעווייניג, און זיי האבן דערציילט אז זיי קומען פון **גריצא**, דארט אונזער זיידע **הגה"ק רבי שרגא פייביל זי"ע** איז געווען רב, און זיי האבן א שיינע סכום געלט וואס זיי ווילן אוועקלייגן ביי א באַגלייבטער מענטש, און היות זיי האבן געהערט אז זייער רב'ס זוהן איז רב דא אין טארטשין זענען זיי געקומען צו איהם מיט דאס געלט. און אלס א 'שְׂכַר טִירְחָא' פארן האלטן זייער געלט האבן זיי איהם צוגעגעבן א שיינע נתינה אז ער זאל האבן פאר זיך...

ווי נאר די מענטשן זענען ארויסגעגאנגען, רופט זיך אָן דער אלטער רבי צו אונז קינדער "זעהט איר אז ווער עס האט בטחון אין השי"ת, שיקט מען איהם פון הימל אלע זיינע געברויכן".

אײדער די תקופה פון זיין הנהגה, האט **דער אלטער רבי זי"ע** אויך געדינט אלס רב אינעם שטאט **פילץ**. ווי עס ווערט דערציילט אין ספר **עשר זכיות**, זענען געווען עטליכע אידן אין שטאט -ווי געוועגליך- וואס האבן אין אנהייב נישט מסכים געווען צו זיין רבנות, און האבן זיך נישט מכניע געווען פארן רב. צווישן זיי איז געווען א איד אן עושר און א שיינער בעל הבית וועלכער האט זיך נישט אונטערגעווארפן אונטערן אלטער רבי זי"ע און איהם נישט מכבד געווען ווי עס פּאַסט. אמאל האט דער עושר געפראוועט א סיום כתיבת ספר תורה ביי זיך אינדערהיים וואו ער האט פאררופן א שיינע סעודה און א מעמד לכבודה של תורה מיט די באטייליגונג פון פארשידענע געסט און גוטע פריינד. אבער דעם רב האט ער נישט געזוכט איבעריג מכבד צו זיין, און דעפאר האט ער געשיקט דעם שמש פון שטאט אז ער זאל גיין איינמעלדן דעם רב און איהם איינלאַדענען צו די סעודה, וואס איז געווען א קענטיגע זלזול אינעם רב, איהם נישט צו רופן בדרך כבוד, נאר בלויז שיקן א שליחות דורכ'ן שמש, און דער עושר איז טאקע געווען זיכער ביי זיך אז דער רב וועט נישט קומען נאך אזא 'העפליכע' איינלאַדענונג.

ווען דער אלטער רבי האט באקומען די מעלדונג דורכ'ן שמש, האט ער געפרעגט זיינע שטוב מענטשן וואס איז זייער מיינונג אויב ער זאל גיין אנטייל נעמען אין די מסיבה אדער נישט? און די רעביצין מיט די קינדער האבן אלע געזאגט אז אודאי זאל ער נישט גיין, א רב טאר נישט דערנידערן זיין כבוד אויף אזא אופן... ווען דער אלטער רבי האט געהערט זייער מיינונג האט ער זיך אנגערופן "נו, אזוי ווי איר זאגט אז איך זאל נישט גיין, דעריבער וועל איך יא גיין"... און ער האט אנגעטוהן זיין מלבוש און אין דער באגלייטונג פון זיין משמש האט ער געוואנדן זיינע טריט צום עושר אין שטוב. ווען דער עושר האט דערזען אז דער רב איז געקומען צו גיין, איז ער רויט געווארן פאר בושה, און זעענדיג די עניוות פונעם רב וואס האט נישט געוואַרט אז מ'זאל איהם מכבד זיין געהעריג, און איז געקומען צו גיין אויפען רוף פונעם שמש, איז ער תיכף צוגעלאפן מיט א צובראכן הארץ און אנגעהויבן בעטן מחילה, און פון דעמאלטס און ווייטער האט ער שוין געוואוסט די ריכטיגע גדלות פונעם רב און זיך מער נישט קעגנגעשטעלט.

**דער אלטער רבי** פלעגט זאגן אויף זיך אז דערפאר האט מען איהם אויסגעקליבן צו זיין א מנהיג, טאקע ווייל ער וועט זיך קיינמאל נישט גרויסהאלטן דערמיט, וויבאלד ער ווייסט דעם 'אמת' אז ער איז גאר נידריג און ער איז נישט ראוי דערצו. אבער זיינע הייליגע חברים וואס זיי זענען באמת יא ווערד, זיי האבן טאקע מורא צו נעמען אויף זיך צו פירן די חסידים וויבאלד זיי האבן מורא אז זיי קענען ח"ו צוקומען צו גאוה.

דער אלטער רבי האט געהאט א שוועסטער וואס האט געוואוינט אינעם שטאט מאקאווע, מיט זיין גרויס ענוה און שפלות פלעגט ער איר שרייבן בריוון מיט א בקשה אז זי זאל גיין אויפען קבר פון זייער טאטע **רבי שרגא פייביל זי"ע** וואס ליגט אין בית החיים אינעם שטאט מאקאווע, און זי זאל דאווענען פאר איהם אז ער זאל נאך זוכה זיין תשובה צו טוהן. און דער אלטער רבי האט געשריבן אז זי זאל נישט קוקן אויף דעם וואס דער עולם זאגט אז איך בין א רבי און א מנהיג הדור, "ווי איז פאר דעם וואס די וועלט האט א טעות אין איהם".

ביי די לויה פון זיין רעביצין - די צדיקת **מרת רויזא מינדל ע"ה**, וועלכע איז פאָרגעקומען אינעם צווייטן טאג יום טוב שבועות, און דער אלטער רבי איז ארויסגעגאנגען באגלייטן די מיטה עטליכע טריט (כדי נישט צוצושטערן די שמחת יו"ט, איז דער אלטער רבי בלויז נאכגעגאנגען די מיטה געציילטע טריט נעבן דער ביהמ"ד) און ער האט דאן געזאגט ביים זיך געזעגענען פון די רעביצין "דאַווען פאר מיר אז איך זאל זוכה זיין תשובה"...

**דער אלטער רבי זי"ע** געווען שטארק מפורסם מיט זיין 'מידת האמת' ער האט זיך קיינמאל נישט אוועקגערירט אדער געטוישט פון וואס ער האט געזאגט, און ער איז געווען זייער געוואָרנט אפילו פון א קליינע חשש פון 'ליגנט' ח"ו, און פון קינדווייז אָן איז ער געווען אויסגעצייכנט אין דעם ענין פון "מִדְּבַר שֶׁקֶר תִּרְחָק".

נאך די הסתלקות פונעם אלטער רבי זי"ע איז געקומען צו גיין א חסיד צו זיין זוהן - מרן דער **ישמח ישראל זי"ע**, און ער האט גע'טענה'ט אז ער איז נאך געווען ביים אלטער רבי'ן און דער אלטער רבי האט איהם צוגעזאגט א ישועה אין א געוויסע ענין, אבער די הבטחה איז נאך אלס נישט מקויים געווארן. האט איהם דער ישמח ישראל געענטפערט "אויב מיין טאטע האט דיר אזוי צוגעזאגט, קענסטו זיין זיכער און זיך פאַרלאָזן אז די ישועה וועט קומען, ווייל אלעס וואס ער האט צוגעזאגט איז מקויים געווארן, אמאל פריער און אמאל שפעטער, אבער זיינע רייד זענען אלעמאל מקויים געווארן. און דו זאלסט זיך נישט וואונדערן אויף דעם, ווייל אזוי פירט מען זיך פון הימל מיט איינער וואס איז שטענדיג געוואָרנט מיט זיינע ווערטער אז ער טוישט נישט פון וואס ער זאגט, ווען מען פון הימל אויך נישט טוישן פון וואס ער האט צוגעזאגט".

# תולדותיהם של צדיקים

דאס לעבן און שאפן פון

## רבותינו הקדושים פון פרשיסחא און ווארקא

זכותם יגן עלינו

מאמר נ"ד

### פיל מיט יראת שמים

ווי דערציילט האט זיך אויפגעשטעלט **הרה"ח רבי אליעזר בער פון גראבאוויץ** (שוואגער פון הרה"ק רבי מרכדי יוסף פון איזביצא זי"ע) דער 'בעל לשון' פון די פרשיסחא קבוצה, און ער איז ארויף אויפן טיש און אָפּגעוואָרפן אלע טענות און שמועות וואס די מתנגדים פונעם **רבי רבי בונם זי"ע** האבן גע'טענה'ט, און ער האט געשריגן אז מ'קען נישט משפט'ן בלויז דורך קלאַנגען און סתם מעשיות וואס מענטשן רעדן, ווי אויך טאר מען נישט הערן ווי מ'איז מבזה א תלמיד חכם און אזא צדיק ווי דער רבי רבי בונם און שווייגן.

די רייד פון רבי אליעזר בער האבן זיך געהערט מיט א פלאם פייערדיגע שטימע און מיט א קול רעש גדול, און אפילו ווען **דער אפטער רב זי"ע** האט איהם געפרעגט איינצע פראגן אויף די ווערטער וואס ער האט געזאגט, האט ער יעדע זאך צוריקגעענטפערט מיט א התלהבות און א געשריי, אזוי אז זיינע רייד האבן אויסגעקוקט אביסל שארף, און כאילו זיי וואלטן געווען געוואָנדן מיט א טענה צום אפטער רב פרעזענליך ח"ו פארוואס ער שווייגט און ער נעמט זיך נישט אָן פארן כבוד פונעם ר"ר בונם. זיין טאן און וועג פון רעדן האט אויסגערופן ווייטאג ביי פילע פון די אנוועזנדע וואס האבן געהאלטן אז דערמיט איז ער פּוֹגע אינעם כבוד פונעם אפטער רב און ער פירט זיך נישט אויף מיט דרך ארץ פארן זקן צדיקי הדור. אויך דער זוהן פונעם אפטער רב - **הרה"ק רבי יצחק מאיר פון זינקוב זי"ע** האט זיך אינמיטן אנגערופן צו זיין גרויסער פאטער דער אוהב ישראל "טאטע, פארוואס רעדסטו בכלל מיט דער מענטש, מיר זעען דאָך אז יעדע אֵבֶר זיינע איז פיל מיט עַזּוּת" שפירנדיג אז די התנהגות פון ר' אליעזר בער איז נישט פאסיג.

ווען ר' אליעזר בער האט געהערט די ווערטער פון רבי יצחק מאיר'ן, האט ער געעפנט די קנעפּלעך פון זיינע מלבושים און געגעבן א רייס אויף זיי העמד, אזוי מ'האט געקענט ארייננקוקן ביז זיין לייב, און ער האט זיך געגעבן א שטעל אוועק ממש פארן פנים פונעם אפטער רב און די אנדערע צדיקים דארט, און ער האט געגעבן א שריי ווי א לייב "קוקט נאר אריין אין דעם הארץ און זעהט אויב ס'איז דארט פאַרהאַן אפילו א ברעקל פון עזות".

דער אפטער רב זי"ע איז גאר שטארק נתפעל געווארן פון זיינע רייד וואס זענען ארויסגעשריגן געווארן פון א ריינעם הארץ, און ער האט זיך געוואנדן צו זיין זוהן רבי יצחק מאיר זי"ע און געזאגט **"נישט אזוי מיין קינד, זאג נישט אזוי, נאר אדרבה יעדער אֵבָר פון זיינע גלידער איז פיל מיט יראת שמים"**. און דערמיט האט רבי אליעזר בער ווייטער פאָרגעזעצט זיך אנצונעמען פאר די פרשיסחא חסידים, אז באמת זענען אלע צדיקים חשוב ביי זיי און ווי שטארק דער אפטער רב - דער זקן הצדיקים איז געשעצט ביי זיי אלע, און האבן חלילה נישט קיין ברעקל זלזול, און אזוי האט ער מאריך געווען צו רעדן דברי שלום ואמת, נאנט צו ברענגן די הערצער פון די אנוועזנדע צו פארשטיין די פרשיסחא חסידים און זייערע אמת'ע כוונות.

### רבי לייבל'ע קאָוולער קומט צו הילף

די מתנגדים פונעם **ר"ר בונם** האבן אבער אויך נישט נאכגעלזאט, און זיי האבן געברענגט ראיות און באווייזן פון קלארע מעשיות וואס זענען זיך פארלאפן ווי פרשיסחא חסידים האבן אָפּגעשפֶּעט און און אָפּגעלאַכט פון פארשידענע סגולות און עֵצוֹת וואס אנדערע צדיקים האבן געגעבן פאר זייערע חסידים, וויבאלד זיי האבן נישט געגלייבט אין די אלע תמימות'דיגע זאכן ווי סגולות וכדומה. דעמאלטס האט זיך אויפגעשטעלט דער צדיק **רבי לייב'לע קאָוולער** - דער זוהן פון **הרה"ק רבי מרדכי נעשכיזער זי"ע** און דער ברודער פונעם מחותן ביי די חתונה, (די כלה איז געווען א טאכטער פון זיין ברודער הרה"ק רבי יוסף וועלכער האט געוואוינט אין אוסטילא) און ער האט אנגעהויבן זיך אנצונעמען פארן כבוד פונעם רבי רבי בונם זי"ע זאגענדיג אז אז דער ר"ר בונם איז אן אדם גדול און א קדוש, און אפילו אויב טייל פון זיינע חסידים האבן אפשר געטוהן געוויסע שארפע זאכן וואס איז נישט ריכטיג, דאָך האט דאס זיכער נישט קיין שייכות מיט איהם און עס מאכט איהם גארנישט ווייניגער. וויבאלד רבי לייבל'ע קאָוולער זי"ע איז געווען פון די חשוב'ע און אנגענומענע צדיקים אינעם דור, און אין צוגאב איז ער דאָך געווען פון די נאנטע מחותנים ביי די גרויסע שמחה, האבן זיינע ווערטער געמאכט א געוואלדיגע רושם אויף אלע אנוועזנדע, וועלכע האבן גארנישט געענטפערט אויף זיינע רייד. (זעה אין גליון פרשת שמות - מאמר נ"א, די השתלשלות וויאזוי דער ר"ר בונם זי"ע האט געווירקט אויף רבי לייב'לע זי"ע אז ער זאל זיך אָננעמען פאר איהם).

### פרתו של רבי אלעזר בן עזריה

**דער אפטער רב זי"ע** האט זיך אויך צוגעהערט מיט אינטערעסע צו די רייד פון **רבי לייבל'ע קאוולער זי"ע**, אבער דערנאך האט ער זיך געגעבן א רוף אָן "וואס זאלן מיר אבער טוהן מיט די ווערטער פון חז"ל וואס זאגן אין די משנה אז די קוה פון רבי אלעזר בן עזריה איז ארויסגעגאנגען אום שבת מיט א רצועה צווישן אירע הערנער און דאס איז געטוהן געווארן קעגן די ווילן פון די חכמים, און ווי די גמרא ברענגט דארט א ברייתא אז באמת איז עס אפילו נישט געווען די קוה פון רבי אלעזר בן עזריה זעלבסט, ס'איז גאר געווען זיין שכנה'ס קוה נאר וויבאלד ער האט נישט מוחה געווען, דערפאר ווערט די עוולה אנגערופן אויף זיין נאמען"... [די משנה אין מסכת שבת (נ"ד:) זאגט אז א בהמה טאָר נישט ארויסגיין אום שבת מיט א בענדל אויפן קאפ -וואס מ'פלעגט לייגן אדער צוליב שיינקייט אדער צוליב א שמירה כדי צו האלטן די בהמה צוגעבינדן, זעה אין די גמרא דארט- וויבאלד ס'ווערט גערעכנט ווי א מַשָׂא, און מיר זענען באפוילן געווארן אויף שביתת בהמה אז אויך די בהמה פון א איד דארף רוען אין שבת. און אויף דעם באציט זיך די מעשה, אז די שכנ'טע פון ראב"ע האט געהאט אזא בהמה וואס האט געטראגן א בענדל צווישן די הערנער אום שבת, און וויבאלד דער צדיק האט נישט מוחה געווען דערויף, דערפאר ווערט עס גערעכנט כאילו ער אליין וואלט ח"ו עובר געווען אויף די רייד פון די חכמים]. און דערמיט האט דער אפטער רב זי"ע געמאָנט פון די חבריא, אז אפילו אויב מען וועט אָננעמען די טענה אז די פרשיסחא חסידים טוען זאכן אויף די אייגענע האנט אָן די ידיעה און הסכמה פון זייער רבי'ן, דאָך איז דאס א שטיקל טענה אויף א צדיק און א מנהיג ישראל אז ער ווייסט נישט וואס זיינע חסידים טוען...

### די גדולי התורה פון פרשיסחא

ווען עס איז געהערט געווארן די טענה פונעם **אפטער רב זי"ע**, האבן די פרשיסחא חסידים זיך שטארק דערשראקן, זעענדיג אז עס פעלט נאך אויס מְשַׁכְנֵעַ צו זיין און ריכטיג אויפווייזן די צדקות און גרויסקייט פון זייער רבי'ן און זיין דרך, וויבאלד זייערע ווערטער ביז אהער זענען נאכנישט פולקאם אנגענומען געווארן דורכ'ן אוהב ישראל זי"ע. דעריבער האט זיך רבי אליעזר בער אנגעגאַרטלט מיט מוט און ווייטער געשריגן בקול רעש גדול, אז איינס פון די טענות וואס מ'האט קעגן זיי איז אז אין פרשיסחא האט מען אויפגעהערט צו לערנען נגלה, און מ'איז בלויז פאַרנומען מיט חסידות א גאנצן טאג, א זאך וואס איז א פשוט'ע שקר און מ'קען דאס אויפווייזן דא אויפן אָרט. און דערביי האט ער געזאגט אז עס געפונען זיך דא א ענגע קבוצה פון חסידים פונעם ר"ר בונם, זאלן נאר די אנוועזנדע צדיקים דא רעדן מיט זיי אין לערנען און פרואוון זייערע ידיעות התורה, וועלן זיי זיך גאר שנעל איבערצייגן איבער זייער גרויסקייט אין תורה. "מיר האבן דאָך דא דער יונגערמאן **רבי יצחק מאיר פון ווארשא** (דער חידושי הרי"ם) וואס האט פריער פארענטעפרעט דעם אפטער רב'ס קושיא, א יונגערמאן וועלכער איז א גדול בתורה ווי די מפורסם'דיגע גאונים פונעם דור, און ער איז א חסיד און תלמיד פונעם ר"ר בונם, וואס פון דעם קענט איר דרינגן ווי גרויס דער ר"ר בונם און זיינע אנדערע תלמידים זענען".

דער אפטער רב האט זיך דאן געוואנדן צום חידושי הרי"ם און געפרעגט אויב ס'איז טאקע פארהאן צווישן די פרשיסחע חסידים נאך איינער וואס קען אזויפיל לערנען ווי ער, אויף וועלכע דער חידושי הרי"ם האט איהם תיכף געענטפערט אז ער איז גרייט צו געבן זיין עהרן-וואָרט אז אין פרשיסחא זענען פארהאן נאך אסאך וואס זענען גרעסער פון איהם און שטייגן איהם איבער מיט פארשידענע מעלות און מדריגות, און מיט דעם אלעם מאכט מען פון זיי נישט קיין עֵסֶק דארט און מ'קוקט זיי כמעט נישט אָן, ווייל ס'איז דא דארט פילע גאונים און בעלי מדריגה.